"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
'ימי רצון'

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר ט'
חודש אלול שנת תשפ"ב לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

~ ~ ~

נעשה בפיקוח **"מוסדות קרן אור"** – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א


נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


זיין גאנץ מיטן אויבערשטן! .......................................... א

בשבילו נברא העולם .......................................... ג

אלץ ציהט צום שורש .......................................... ה

א בריאה וואס בענקט צום אויבערשטן .......................................... ו

"אזמרה לאלקי בעודי" .......................................... ו

אויפבויען דאס מויל .......................................... ח

וואס עס האט זיך אפגעקאכט אַן אלול... .......................................... י

דער איינציגסטער קשר מיטן אויבערשטן! .......................................... י

פאררעכטן דעם שורש .......................................... יד

ימי 'רצון' .......................................... טו

דערוועקן דעם רצון צום באשעפער .......................................... יז

תפילות פון צוויי הונדערט יאר צוריק .......................................... כ

"ערשט בין איך זיכער איך וועל בלייבן א איד" .......................................... כא

בלייב מיטן דיבור! .......................................... כג

אויפגעפלאקערט ביי די 'הללוקָה'ס'... .......................................... כד

א נייע ראש השנה אינגאנצן .......................................... כה

'חדש' עלינו שנה טובה .......................................... כז

נישטא אויף וועמען צו מקטרג זיין .......................................... כט

באקומען א נייעם הארץ .......................................... לא

# מאמר ט'

## ימי רצון

**זיין גאנץ מיטן אויבערשטן!**

דער רבי זאגט אין סימן ל"ה[א] א שיינעם ביטוי [- דעם רבי'נס א דיבור איז דאך כולל אלעס[ב]]: אז "תשובה" איז דער לשון פון: "**לשוב את הדבר למקום שניטל משם!**". דאס הייסט, אז מען קערט אום א זאך און מען גייט צוריק צום שורש, דאס איז דער ווארט "תשובה".

דער פסוק זאגט: "**אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים**"[ג]. דער אויבערשטער האט באשאפן אדם הראשון מיט א הארץ וואס זאל זיין גלייך צום אויבערשטן. און אזוי איז טאקע געווען קודם החטא, זיין הארץ איז געווען 'עינו ולבו' אינגאנצן מיטן אויבערשטן! ער האט געוואוסט אז ער איז א נברא וואס דער אויבערשטער האט אים באשאפן און אז אלץ וואס ער האט איז פון השם יתברך! 'אין עוד מלבדו!' אז ער האט אנגעקוקט דער בריאה,

---

**א.** בספה"ק ליקוטי מוהר"ן, וזל"ש בתחילתו: "**דע כי תשובה היא לשוב את הדבר למקום שניטל משם**. והוא בחינת 'זרקא' המובא בזוהר הקדוש, (תיקונים תיקון כ"א דף מ"ג: ובדף ס. ותיקון ס"ד דף פ"ו:, ובתיקונים שבסוף הזוהר חדש בדף ק"ט:), 'דאזדריקת לאתר דאתנטילת מתמן. **ומאן ההוא אתר? הוא חכמה!**", וכו', עיי"ש.

**ב.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן ר"ד: "אמר (רביז"ל:) שמי שבקי היטב בתורתו ובשיחותיו הקדושות דהיינו בספריו הקדושים. ראוי לו למצוא כל שיחות העולם בתוך תורתו הקדושה. **ואין שום שיחה וענין בעולם שלא יוכל השלם למצוא בתוך תורתו**".

**ג.** קהלת ז, כט.

איז געווען "**וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ!**"[ד] ער האט געזאגט: "כִּי שִׂמַּחְתַּנִי ה׳ בְּפָעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אֲרַנֵּן, מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ ה׳ מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבֹתֶיךָ!"[ה] עס איז א גוטע וועלט, עס איז א געשמאקע וועלט! די גאנצע וועלט האט אים געשיינט פון 'זיו השכינה'.

אט דאס הייסט 'ישר', דאס איז דער טייטש 'ישר'. 'חשבונות רבים' איז דער היפך פון 'ישר'. ווי שטייט: "**יֵשְׁבוּ יְשָׁרִים אֶת פָּנֶיךָ**"[ו]. ישרים רופן זיך, די וואס זעהען "פני ה'". עס איז טאקע פארהאן אַן "אותיות דר' עקיבא"[ז], אז די צדיקים וואס זענען מקבל אלע טאג פני שכינה, זיי רופן זיך 'ישרים'. אט דאס איז ישר, דאס איז דער 'אלקים ברא את האדם **ישר**'.

איך מיין טאקע, קודם החטא איז דאך בלי גבול צו רעדן פון די גרויסקייט וואס אדם הראשון איז געווען. דער אויבערשטער האט געזאגט די מלאכים: "**חכמתו גדולה משלכם**"[ח], און 'סבבוה מלאכי השרת' - ער איז געווען ביי זיי "כמלך בגדוד", זיי האבן אים

---

**ד.** יחזקאל מג, ב.

**ה.** תהלים צב, ה-ו.

**ו.** תהלים קמ, יד.

**ז.** וזל"ש באות ס׳: "**'ישרים' אלו צדיקים גמורים שהן מקבלין פני שכינה בכל יום שנאמר** (תהלים קמ יד): **'ישבו ישרים את פניך'**. הקדוש ברוך הוא נקרא ישר, והצדיקים נקראו ישרים. הקדוש ברוך הוא מנין? שנאמר (שם כה ח): 'טוב וישר ה''. צדיקים מנין? שנאמר (שם קיא, א): 'אודה ה' בכל לבב בסוד ישרים ועדה'". עי' גם במדרש תהלים יא, וזל"ש: "שבע כתות הן שהן עתידין לעמוד לעתיד לבוא לפני חי וקיים קודשא ב"ה. **ואיזו הכת המעולה שבהן שמקבלין פני שכינה? זו כת ישרים**, שנאמר, 'יחזו פנימו'. וכתוב אחד אומר, (תהלים קמ, יד) **'ישבו ישרים את פניך'**. לא היה צריך לומר אלא ישר יחזו פניו, ומהו ישר יחזו פנימו? קודם לישרו של עולם יחזו פנימו של ישרים".

**ח.** עי' מדרש רבה קהלת מדרש רבה קהלת, פרשה ז׳, פסקה ל"ב: "'ויחכם מכל האדם' מאדם הראשון. מה היתה חכמתו של אדם הראשון? את מוצא כשביקש הקב"ה לבראת את אדם הראשון נמלך במלאכי השרת ואמר להם 'נעשה אדם'. אמרו לפניו, רבש"ע (תהלים ח׳) 'מה אנוש כי תזכרנו?' אמר להם אדם שאני רוצה לבראתו

אנגעקוקט ווי דער 'מובחר הנבראים'[ט]. אבער כלפי זיך איז ער געווען "כגמול עלי אמו", ער איז גארנישט, ער האט נאר דעם אויבערשטן, אלעס וואס ער האט איז פון דעם אויבערשטן - "אין עוד מלבדו"! זיין שכל, זיין חכמה, זיין דעת, אלעס וואס ער פארמאגט, אלץ איז פון בורא עולם!

## בשבילו נברא העולם

און דער אמת איז טאקע - אז א מענטש זאל וויסן די ידיעה איז ער ווערד אלעס, **ווייל וועגן דעם האט דער אויבערשטער באשאפן דער בריאה!**

עס שטייט[י] ביי אברהם: "בהבראם"[יא]. "אברהם קראו להקב"ה אדון"[יב]. אברהם האט דאך טאקע מתקן געווען דעם חטא פון אדם הראשון. נאכן חטא קען קיינער נישט משיג זיין אזא שלימות אין אדנות אין דעם בורא ווי אברהם. איז דערפאר האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט "בהבראם", "באברהם". און דערפאר האט ער גערופן דעם אויבערשטן "אדון", ווייל ער האט משיג געווען דעם אדנות בתכלית השלימות אז ער האט געהאט

---

**חכמתו מרובה משלכם.** מה עשה? כנס כל בהמה חיה ועוף והעמידן לפניהם ואמר להם קראו להם שמות, עמדו ולא ידעו, הלך אצל אדם אמר לו מה שמותן של אלו? אמר רבון העולמים לזה נאה לקרותו שור ולזה ארי ולזה סוס ולזה גמל ולזה נשר וכן לכולן. ואמר לו אתה מה שמך? אמר לפניו אדם מפני שנבראתי מן האדמה, ואני מה שמי? אמר לפניו אדני מפני מה שאתה אדון על בריותיך".

**ט.** עי' בגמ' סנהדרין נט: "רבי יהודה בן תימא אומר אדם הראשון מיסב בגן עדן היה והיו מלאכי השרת צולין לו בשר ומסננין לו יין".

**י.** עי' מדרש רבה פר' יב, פס' ט.

**יא.** בראשית ב, ד.

**יב.** עי' גמ' ברכות ז: "אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחי **מיום שברא הקדוש ברוך הוא את העולם לא היה אדם שקראו להקדוש ברוך הוא אדון עד שבא אברהם וקראו אדון** שנאמר: 'ויאמר אדנ"י (אלקים) במה אדע כי אירשנה'".

רשות צו געבן דעם אויבערשטן א נאמען 'אדון', וואס דאס איז א 'שם' וואס איז דער גילוי אלוקות פון מידת המלכות[יג] וואס קיינער האט נישט געהאט קיין רשות (לזה מקודם).

איז דער מהר"ל זאגט[יד], וואס איז פשט אז דערפאר האט דער אויבערשטער אליין באשאפן דער בריאה? דער אויבערשטער דארף דאך צו קיינעם נישט אנקומען?! נאר ווייל דער וואס ער איז מכיר אזוי דעם אויבערשטן, פאר אים איז ווערד די בריאה. פשט איז, אז א מענטש איז מכיר דעם אויבערשטן, איז ווערד אז דער בריאה זאל פאר אים באשאפן ווערן. עס איז נישט דער פשט אז דער אויבערשטער דארף האבן אז מען זאל יא מכיר זיין, מען זאל נישט מכיר זיין. [אוודאי לאחר וואס דער אויבערשטער האט באשאפן (דער וועלט, האט ער עס באשאפן) ווייל ער האט זיך פארקלערט כביכול אז ער זאל האבן א נחת רוח. אבער למעשה] 'דער' איז ווערד אז די בריאה זאל באשאפן ווערן פאר אים.

און דאס איז דער ריכטיגער דעת וואס די גמרא זאגט אין נדרים: "דעת קנית - מה חסרת?!"[טו]. און דער מדרש[טז] זאגט, אז 'דעת' איז 'הכרת הבורא', אט דאס איז דער ריכטיגער דעת.

---

**יג.** עי' במהרש"א על הגמ' ברכות שם: "'עד שבא אברהם' וכו'. דהיינו בשם אדנות בא' ד' כמ"ש התוס' כי לא קראו אותו מקודם אלא בשם הוי"ה המורה על מציאותו אבל אברהם הוסיף וקראו גם בשם אדון שהוא מורה על אדנותו ויכלתו לשנות הגזירות ומערכת השמים כמפורש באותה פרשה בענין אברהם".

**יד.** מהר"ל חדושי אגדות על סוטה ד: "**לא היו הנמצאים קודם אברהם נחשבים לכלום כאשר לא המליכו את הש"י על העולם והיו מסלקים מלכות שמים**, ולכך אמרו ז"ל (ב"ר פי"ב) "בהבראם" - בשביל אברהם נברא העולם, שאם לא היה אברהם לא נברא העולם, **שאם לא היה אברהם שהמליך הקב"ה על העולם מה היה נחשב העולם?** ועוד אמרו (ע"ז ט' א'): שני אלפים תוהו שנחשב עד אברהם הכל תוהו ובלתי מציאת, עד שבא אברהם והמליך הקב"ה על עולמו, ויש לך להבין הדברים, כי **אברהם הוא התחלת המציאת** בשביל שהמליך את הקב"ה בעולמו".

**טו.** עי"ש דף מא.

**טז.** מדרש רבה במדבר פר' י', פס' א'.

און דער רבי פירט אויס אין תורה ל"ה: אז תשובה איז "לשוב את הדבר ממקום שניטל משם" - אַוואו איז דער מקום? דאס איז 'חכמה', דעם אויבערשטנ'ס חכמה! (כמ"ש:) "**כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ**"[יז], גיי צוריק צו דער חכמה אמיתית.

## אלץ ציהט צום שורש

און למעשה טאקע, דער "כולם **בחכמה** עשית" און דער "**בדבר** ה' שמים נעשו"[יח] דאס איז איין זאך ממש, (כמ"ש:) "מפיו דעת ותבונה"[יט] – פון דעם דיבור גייט ארויס חכמה, דאס איז ממש איין זאך. ווייל די גאנצע חכמה דקדושה איז אלץ אורות פון די שיינקייט פון די אמונה הקדושה.

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה פון "ויהי ביום השמיני"[כ], אז די סטרא אחרא האט אנגעמאכט אז דער כח המכריח איז שטארקער ווי דעם כח המושך. עס איז דא א כח המושך וואס אלץ ציהט זיך צום ארץ, צום שורש, דאס איז דער כח המושך. [על פי קבלה איז טאקע "ארץ", "מלכות"], ווייל אלעס ציהט זיך צום שורש. (אבל היות

---

**יז**. תהלים קד, כד.

**יח**. תהלים לג, ו.

**יט**. משלי ב, ו.

**כ**. תורה ע' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן, עיי"ש. ועי' מ"ש ע"ז בספה"ק ליקוטי הלכות הל' יו"ט הל' ה' באותיות א', י"א, וזל"ש בקיצור (מספה"ק "אוצר היראה"): "כל התאוות והבלבולים הם מבחינת כח המכריח, אך אף־על־פי־כן מדמין את עצמן לכח המושך, כי האדם נמשך בטבעו אחריהם; אבל האמת יודע כל אחד מישראל, שאין זה כח המושך האמיתי, כי העיקר צריך האדם להיות נמשך אחר הקדושה והאמת, שהוא אחר השם יתברך ותורתו הקדושה וצדיקיו האמתיים; רק מרוב גשמיות האדם ומריבוי העוונות נתהפך הדבר אצלו, עד שנמשך אחר התאוות והמניעות והבלבולים כאילו יש להם כח המושך, חס ושלום, אשר באמת הם רק מבחינת כח המכריח, שהוא רק לפי שעה קלה. ועל־כן צריך האדם איך שהוא, שיתגבר על־כל־פנים ברצונות טובים למשוך עצמו לשרשו, לשורש חיותו ומקור קדושתו, ואז בוודאי יתגלה לו האמת ויֵדע היכן כח המושך האמיתי דקדושה".

מען מאכט אזא כח המכריח, מיינט מען אז מען פליהט אויף ארויף, אבער עס איז נישט די טבע אזוי, עס איז להיפך פון וואס עס דארף זיין. על-פי טבע און על-פי וואס עס דארף זיין - (היות) דער אויבערשטער האט באשאפן דער בריאה, איז די (גאנצע) בריאה 'דומם צומח חי מדבר' פול מיט אמונה בפשטות, פול מיט אמונה. נאר דער טשטוש פון דער סטרא אחרא דאס האט געמאכט דעם בלבול.

## א בריאה וואס בענקט צום אויבערשטן

אז עס איז געקומען שבת קודש, האט דער שבת אכטונג געגעבן אז דער חטא עץ הדעת זאל נישט מזיק זיין, "**וְאָתָא שַׁבָּת וְאָגִין עָלֵיהּ**"[כא]. דער היזק פון דעם חטא עץ הדעת איז געווארן מוצאי שבת. דער שבת האט נישט געלאזט אז עס זאל ארויסגיין דער קלקול פון עץ הדעת.

דער אור החיים הקדוש זאגט[כב]: אז "**וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם**". "ויכולו" איז א לשון 'השתוקקות', (מלשון:) "נִכְסְפָה וְגַם **כָּלְתָה** נַפְשִׁי"[כג]. זאגט ער, די גאנצע בריאה האט אנגעהויבן אזוי צו בענקען צום אויבערשטן, אפילו דער 'דומם' און 'צומח'. זיי האבן באקומען נפשות וואס דאס האט דערוועקט דעם חלק הנפש וואס איז נעלם בהם, און אלע האבן געבענקט צום אויבערשטן - די גאנצע בריאה! ווייל דאס איז די טבע אזוי אז דער נברא בענקט צום בורא! דאס איז די טבע!

## "אזמרה לאלקי בעודי"

די סטרא אחרא האט געמאכט א פירוד און מחלוקת. און דערפאר איז מחלוקת שָׂנוּא לפני השי"ת. ווייל דער שורש המחלוקת איז די

---

**כא.** זוהר תרומה קלח.

**כב.** עיי"ש בפירושו בפסוק בראשית ב, א.

**כג.** תהלים פד, ג.

סטרא אחרא וואס זיי האבן מורד געווען בקדושה און זיי האבן זיך מתערב געווען אין דער קדושה. אזוי ווי דער רבי זאגט אין "ספר המידות"[כד]: **"הפשע מכניס כפירה באדם"**.

"פשע" איז פשט - יעדע קרומע דיבור, יעדע קרומע מחשבה, יעדע קרומע מעשה וואס איז נישט ווי דער רצון הבורא, איז די סטרא אחרא מכניס "זה לעומת זה" אין דער קדושה, און פון דארט נעמען זיך די אלע הפרעות. די אלע שטערונגען וואס דער בעל דבר לאזט נישט דינען דעם אויבערשטן, נעמט זיך אלץ פון דעם וואס מען האט מערבב געווען דער 'רע' אין דעם 'טוב' רח"ל. און אזוי אויך, ווייל דער רע פארשטעלט דעם טוב.

און פאר דעם האט דער רבי מזהיר געווען אויף דעם ענין פון "אזמרה"[כה] - מען זאל וויסן דעם אייגענעם טוב, גלויבן אינעם אייגענעם טוב, דערוועקן דעם טוב. ווייל א מענטש האט טוב, א

---

**כד.** ערך 'אמונה' אות כ"ב.

**כה.** תורה רפ"ב בספה"ק ליקוטי מוהר"ן, והרי לפניך מש"ש בא"ד: "כי זה ידוע שכשהאדם נופל בדעתו מחמת גשמיותו ומעשיו הרעים שרואה שהוא רחוק מאד מאד מן הקדושה באמת, אזי על פי רוב אינו יכול להתפלל כלל מחמת זה. ואינו יכול לפתוח פיו כלל, מחמת גודל העצבות והמרה שחורה והכבידות שנופל עליו, על ידי שרואה גודל עוצם ריחוקו מהשם יתברך. אבל כשהוא מחיה את עצמו על פי העצה הנ"ל. דהיינו שאף על פי שיודע בעצמו שיש לו מעשים רעים וחטאים הרבה מאד, והוא רחוק מאד מאד מהשם יתברך, אף על פי כן הוא מחפש ומבקש ומוצא בעצמו עדיין איזה נקודות טובות כנ"ל, ומחיה ומשמח את עצמו בזה, כי בוודאי ראוי להאדם, להגדיל שמחתו מאד בכל נקודה ונקודה טובה מקדושת ישראל שמוצא בעצמו עדיין, ואזי כשמחיה ומשמח את עצמו על ידי זה כנ"ל אזי הוא יכול להתפלל ולזמר ולהודות לה'. וזה בחינת (תהלים קמ"ו): **'אזמרה לאלקי בעודי'**. 'בעודי' דייקא, היינו על ידי בחינת העוד שלי שאני מוצא בעצמי בחינת עוד מעט ואין רשע כנ"ל, על ידי אותה הנקודה, על ידי זה אוכל לזמר ולהודות לה' כנ"ל. וזהו 'אזמרה' אזמרה דייקא היינו זמירות וניגונים שנעשין על ידי שמלקט הנקודות טובות כנ"ל. **והזהיר רביז"ל מאד לילך עם התורה הזאת**, כי הוא יסוד גדול לכל מי שרוצה להתקרב להשם יתברך, ולבל יאבד עולמו לגמרי חס ושלום", ועייעו"ש מבואר שעבודה זו היא בחינת 'בירור הטוב מן הרע'.

מענטש איז א חלק אלקי ממעל, נאר דער חושך איז 'מכסיא לנהורא'. און דאס איז טאקע דער סוד פון דער מעשה פון דעם "בן המלך ובן השפחה שנתחלפו"[כו] וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט.

## אויפבויען דאס מויל

אין דער זאך פון "**בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כָּל צְבָאָם**" איז דא א סוד פון "**בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם**"[כז], עס איז מרמז אויף מורא'דיגע זאכן. דער רבי רעדט פון דער שורש פון דעם סוד הדיבור - אז "בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כָּל צְבָאָם" - מיטן כח פונעם דיבור קען מען א געוואלד בויען![כח] דער אויבערשטער זאל נאר רחמנות האבן מען זאל נישט קאליע מאכן מיטן דיבור...

די גמרא[כט] פרעגט א קשיא: אז 'מיר' מאכן אזויפיל תעניתים ווערט מען נישט געהאלפן. איז פארוואס אבער ווען רבי יהודה האט זיך נאר א ריר געגעבן, א קרעכץ, איז ער שוין געהאלפן געווארן? - די גמרא זאגט: "בשני דרבי יהודה כולי תנויי בנזיקין", און (עכ"ז) אין איין רגע איז ער געהאלפן געווארן מיט א רעגן. און דא ביי אונז - מען בעט אזויפיל און מען איז מתפלל (- ולית דמשגח בן!).

---

**כו.** מעשה י"א מספה"ק סיפורי מעשיות. ועי' ע"ז בספה"ק ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג באריכות נפלא.

**כז.** בראשית ט, ו.

**כח.** עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות ט'.

**כט.** ברכות דף כ' ע"א, וזל"ש: "אמר ליה רב פפא לאביי, מאי שנא ראשונים דאתרחיש להו ניסא ומאי שנא אנן דלא מתרחיש לן ניסא? אי משום תנויי, בשני דרב יהודה כולי תנויי בנזיקין הוה ואנן קא מתנינן שיתא סדרי, וכי הוה מטי רב יהודה בעוקצין האשה שכובשת ירק בקדרה ואמרי לה זיתים שכבשן בטרפיהן טהורים אמר הויות דרב ושמואל קא חזינא הכא ואנן קא מתנינן בעוקצין תליסר מתיבתא. ואילו רב יהודה כי הוה שליף חד מסאניה אתי מטרא, ואנן קא מצערינן נפשין ומצווח קא צווחינן ולית דמשגח בָּן. אמר ליה, קמאי הוו קא מסרי נפשייהו אקדושת השם אנן לא מסרינן נפשין אקדושת השם".

- זאגט דער רבי ר' פנחס'ל קאריצער[ל], אז **"בשני דרבי יהודה כולי תנויי בנזיקין"** - מען האט זיך אכטונג געגעבן אז מען זאל נישט ניזוק ווערן. אז מען האט געהיט דאס מויל איז מען נישט ניזוק געווארן. מען האט געהיט דאס מויל מיט נישט רעדן קיין לשון הרע און רכילות מיט דברים בטלים. אז מען האט נישט מקטרג געווען אויף קיינעם, איז דער דיבור ארויף אויפן פלאץ למעלה. ווייל "תנויי כולי בנזיקין", מען האט זיך אויסגעלערנט ווי אזוי מען ווערט נישט ניזוק. ערשט בוי דעם מויל ווי עס דארף צו זיין[לא].

אבער על-כל-פנים, דער רבי האט גערעדט א גרויסער יסוד: 'הן' דאס אליין - בעטן דעם אויבערשטן! דער רבי האט אויסגעלערנט א גרויסן יסוד - דער סוד פון דיבור! דער דיבור שטאמט פון דעם

---

**ל.** עי' בספה"ק "אמרי פנחס" שער ד' שבת ומועדים: "אמר לו הרב הגדול מו"ה צבי בן הבעש"ט (להר"פ מקוריץ) שצריך אדם לעשות הכנות לקבל קדושת שבת כמ"ש והכינו וגו', והשיב לו (הר"פ) כי דבר הניתן מלמעלה ואינו יודע האיך ומה יתנו לו האיך אפשר לאדם להכין עצמו עליו, רק צריך לשמור א"ע מכל דבר המזיק לנפשו. וזהו **'בשני דרב יהודה כולא תנויא בנזיקין הוה'** לשמור את עצמו מכל דבר המזיק לנפש".

**לא.** עיין בתהלים 'ישועות אשא' (נ"א י"ז) מה שמורינו שליט"א מפרש על הפסוק **"ה' שפתי תפתח"**. צריכים לשמור מאד על הדיבור, כי הוא פועל מאד, הן לטב והן למוטב, כמ"ש (משלי י"ח, כ"א) **"מות וחיים ביד הלשון"** – כאשר מדברים דיבור שהוא שייך לקיום התורה או לקיום המצוות, או להשי"ת, לסור מרע או לעשה טוב – זהו חיים! וכאשר הוא להיפל, ה' ישמרנו, הוא מות. כמו שכתוב: 'ה' שפתי תפתח'. וכשפוגמים הדיבור שהוא אדנ"י שהפגם הוא כביכול בשם אדנ"י, אז על ידי הפגם נעשה מרוח פיו רוח סערה. וכל הכעס והמחלוקת בא מפגם הדיבור, וההצלה מכל אלו הוא שמירת הדיבור כמו שכתב רבינו (בסימן ל"ח): וזה בחינת **"רוח סערה עושה דברו"** (קמ"ח ז') – שעושים ומתקנים את הדיבור ומעלים אותו מבחינת רוח סערה. כי יש והאדם נכנס לרוח סערה של תאוה מסויימת או שבוערת בקרבו קנאה לאדם מסויים, או מידה רעה אחרת, והוא יוצא לגמרי מגדרו ומאבד את כל צורת האדם וצלם האלקים שבו. וכל זה בא מפגם הדיבור, כי ע"י פגם הדיבור הוא ממשיך עליו את הרוח סערה הנוראה שהיא המקטרג הגדול כנ"ל, וממנו באות כל הצרות. וידועה האימרה שלפני שיצא הדיבור מפי, אני שולט עלי... והביאור בזה: כי ע"י דיבור רע מקבל האדם על עצמו בעל-בית חדש, בעל-בית של רוח סערה רח"ל.

"דבר ה'". מיטן דיבור קען מען אלע צירופים רעים, מיט די אלע עוונות וואס דער מענטש האט אנגעמאכט, קען אלעס מתקן זיין דער דיבור - דיבורי תורה ודיבורי תפילה, דאס איז דער סוד, א געוואלדיגער יסוד!

## וואס עס האט זיך אפגעקאכט אַן אלול...

דערפאר איז טאקע געווען ביי אונזערע לייט - ווען איך בין געווען א קינד געדענק איך - ברוך השם היינט איז מען מקדים די קינדער אז עס גייט אַן אלול - עס איז אמאל געווען אזוי פארלאזן. נאך א דאווענען געדענק איך עפעס - אלע זאגן... מען זאגט און מען זאגט און מען זאגט... עס קומט אויף מארגן - איבער א נייעס. וואס איז דא געווארן? עפעס א נייע וועלט דא געווארן?! איך האב דאן נישט געוואוסט אז עס איז 'אלול' אפילו. 'דער' האט געזאגט תנ"ך, 'דער' האט געזאגט תיקונים, 'דער' האט געזאגט דעם רבינ'ס ספרים[לב], 'דער' האט געזאגט 'ליקוטי תפילות' - און וואס עס האט זיך געלאזט! **- וואס עס האט זיך אפגעקאכט אַן אלול... עס איז נישט געווען קיין צייט קיין רגע!**

## דער איינציגסטער קשר מיטן אויבערשטן!

דאס איז טאקע דער ענין פון דיבור. עס שטייט פון גאון[לג] אויף דאס וואס עס שטייט אין דער לעצטער משנה פון "תמיד": **"השיר**

---

**לב.** עי' ספר "כוכבי אור" – 'אנשי מוהר"ן', אות כ"ו-כ"ז: "אמר (הרה"ק מוהרנ"ת זצוק"ל), **אמירת ספרי אדמו"ר ז"ל שהם הליקוטי מוהר"ן וספר המידות והסיפורי מעשיות והשיחות שלו, האמירה לבד מסוגלת להנשמה כמו אמירת ספרי הזוהר והתיקונים.** עוד אמר: שגם **בימי אלול הקדושים מצוה לאמרם מתחילתם ועד סופם ומועיל מאד מאד"**.

**לג.** עי' ספר "צרור המור" בראשית א, לא, וזל"ש: "ולזה רמזו חז"ל באומרם (תמיד ז, ד) השיר שהיו אומרים הלויים על הדוכן. **ביום הראשון** היו אומרים לדוד מזמור לה' הארץ ומלואה (תהלים כד, א), הוא כנגד יום ראשון שהיה ה' אחד ולכן נאמר בו יום

**שהלויים היו אומרים בבית המקדש"**. ברענגט ער אראפ א זוהר: וואס איז דער טעם אז 'ביום הראשון' האט מען געזאגט "לה' הארץ ומלואה" און 'ביום השני' האט מען געזאגט "גדול ה' ומהולל מאד"? זאגט ער, אז דאס גייט – דער בית המקדש איז דער שורש פון דער בריאה, דער אבן שתיה, וואס די גאנצע וועלט האט דער אויבערשטער באשאפן פאר די עבודות. איז דאס גייט אויף די שית אלפין שנין פון דער בריאה.

- אין דעם ערשטן 'אֶלף' איז געווען אזא שפע, א מורא'דיגע שפע געווען, מיר האבן נישט קיין השגה וואספארא שפע עס איז געווען. עס שטייט[לד], אז עס האט גערעגנט איינמאל אין פערציג יאר; עס האט געדעקט שפע פאר פערציג יאר מיט איינמאל. דאס הייסט - אזא וואסער איז געווען. און מענטשן האבן געלעבט הונדערטער יארן, מען איז געווען געזונט אזוי אָן מעטאדן. ביז נח'ן איז נישט געווען קיין מיחושים, מען האט נישט געהאט מיט די הענט, א גאלדענע שפע איז געווען[לה].

---

ראשון, ואז לה' הארץ ומלואה, כי הכל היה שלו ולא היה מי שיכיר יכלתו ואחדותו. **ביום השני** היו אומרים 'גדול ה' ומהולל מאד' (שם מח, ב), כנגד האלף השני שבו הכיר אברהם לבוראו וגדלו בפי כל האומות והמלכיות. **ביום הג'** היו אומרים אלקים נצב בעדת אל (שם פב, א), לפי שבו ישב על כסא המשפט וירד על הר סיני לתת תורה לישראל ואף עפ"כ נתרבו המלכיות ולא ידעו ולא יבינו. **ביום הרביעי** היו אומרים אל נקמות ה' (שם צד, א), כנגד האלף הרביעי שבו נחרב ב"ה ועתיד ה' לנקום נקמתנו ונקמת ביתו. **ביום החמישי** היו אומרים הרנינו לאלהים עוזנו (שם פא, ב), כנגד האלף החמישי שבו תהיה הגאולה. ולכן צריך לשוב בתשובה ולעבור הרינה במחנה כדכתיב קומי רוני בלילה (איכה ב, יט), ואנו מובטחים שהשם יגאול גאולתינו כמו שגאל ליוסף והצילו מצרתו ומגלותו. ולכן הזכירו בזה המזמור גאולת יוסף, כדכתיב עדות ביהוסף שמו בצאתו (תהלים פא, ו). **ביום הששי** היו אומרים ה' מלך גאות לבש (שם צג, א), לפי שבו תהיה הגאולה השלימה לישראל והיה ה' למלך על כל הארץ".

**לד.** עי' מדרש רבה בראשית יג, ט.

**לה.** עי' בספר "הכתב והקבלה" בראשית ט, יג: **"וכבר ראינו בספרי חכמי העמים המספרים מטוב ימי חיי אדם קודם המבול וקראו הדורות ההם** (גאלדנעס צייט אלטער)

[דער חזון איש ברענגט אראפ אויף א פלאץ[לו] - ער זאגט, גיב א קוק: אדם הראשון האט געגעסן פון דעם עץ הדעת און ער האט געמאכט אזא מין חורבן. אונזער וועלט איז געווען מיט פיר מדריגות גרעסער ווי דער עולם המלאכים, און ער האט מורד געווען דער וועלט מיט פערצן מדריגות אראפ - ביזן תהום אריין, אין די קליפות, אַן אנדערע גשמיות'דיגע וועלט געווארן! - וואספארא חורבן ער האט געמאכט. און אז קַיִן האט גע'הרג'עט (הבל) – קַיִן האט דאך געהאט אין זיך די נשמות פון א שְׁלִיש וועלט - אלישע הנביא איז געווען אין קַיִן, יחזקאל הנביא, רבי חיים וויטאל, רבי יוחנן בן זכאי, חזקיהו מלך יהודה, אביי, און נאך צדיקים נביאים וואס זענען אלץ געווען אין קין - עס איז געווען א געוואלד[לז]. און ווען ער האט גע'הרג'עט הבל'ען, האט ער געמאכט א מורא'דיגן קלקול. נאך אזעלכע צוויי גרויסע קלקולים, איז געווארן נאך א חושך אויף דער וועלט. זאגט ער - עם-כל-זה, גיב א קוק, זעה ווי ריין די לופט איז נאך געווען אז נאכדעם וואס ער האט גע'הרג'עט הבל'ן האט ער געהערט ווי דער אויבערשטער זאגט אים: **"אֵי הֶבֶל אָחִיךָ"**[לח] – א נביא! אלישע איז טאקע געווען אין קין. ביי קין איז געווען חסר דעם "'לא שעה". איז טאקע אלישע געווען א תיקון פון 'אֵלי שעה', וואס ער האט דעמאלט דאס מתקן געווען[לט]. על-כל-פנים, (מען זעהט) ווי ריין די לופט איז געווען]. ממילא, אין דעם ערשטן אלף

---

**דורות זהב"**.

**לו.** עי' בספר "אמונה ובטחון" לחזו"א פ"ו, אות ג'.

**לז.** עי' כ"ז בספר "שער הגלגולים" באריכות.

**לח.** בראשית ד, ט.

**לט.** עי' שער הגלגולים, הקדמה ל"ד: ולהיות כי אלישע היה מעורב בשתי בחי', כי אע"פ שעיקר ניצוץ נשמתו היה משורש יוסף הצדיק כמבואר אצלנו, עכ"ז היה מעורב משורש נדב ואביהו, שהם מבחי' קי"ן. וכמו שהודענוך כי נקרא אלישע, להורות כי בקין כתיב **'ואל קין ואל מנחתו לא שעה'** מפני חטאו, ובאלישע שנתקן חטאו של קין, נקרא אלישע, כי הקב"ה שעה לו, וקיבלו. ואותיות 'לא שעה', נהפכו ונעשו אֵל"י שע"ה.

איז געווען א גרויסע שפע אויף דער בריאה. דערפאר זאגט מען: **"לה' הארץ ומלואה"**.

אין דעם צווייטן אֶלף איז געווען א חידוש - דער אויבערשטער האט מגלה געווען אברהם אבינו! נאך אזויפיל ירידת הדורות וואס איז שוין געווען האט אים דער אויבערשטער מגלה געווען אַוואו איז דער נקודה וואס פון דעם וועט ווערן דער תיקון כל העולמות, דער "הר המוריה". דערפאר זאגט מען **"גדול ה' ומהולל מאד בעיר אלקינו הר קדשו"**. א חידוש. מען האט נישט געוואוסט אַוואו איז דער נקודה פון דער וועלט. דער בית המקדש רופט זיך: "צַוואר"[מ]. א צוואר איז מקשר דעם קאפ מיטן גוף. מיט דער וועלט אָן יענע וועלט איז מען אפגעריסן פון השי"ת אזוי ווי עס זאל זיין א גוף אָן א קאפ. דאס גאנצער חיות פון דער סטרא אחרא איז אזוי ווי דאס חיות פון א זנב הלטָאה וואס איז נישט קיין חיות, עס איז מיתה. דער בית המקדש איז דער צוואר וואס וועט סוף-כל-סוף מקשר זיין דער וועלט מיט אלע וועלטן! דאס האט דער אויבערשטער מגלה געווען מיט אברהם אבינו. און אט דער חידוש איז געווען אין דעם צווייטן אֶלף.

אין דעם דריטן אֶלף איז געווען קבלת התורה. דערפאר זאגט מען **"אלקים ניצב בעדת קל"**.

אין דעם פערטן אֶלף איז געווען דער חורבן. קע"ב שנה פארן סוף פון דעם אלף הרביעי איז געווען דער חורבן. דאס הייסט, עֶקֶ"ב. דערפאר זאגט מען **"קל נקמות ה' קל נקמות הופיע"**, עס זאל

---

מ. עי' בספה"ק ספר ליקוטי הלכות הל' ערב ה"ה, אות ל"ח, וזל"ש בא"ד: "דרך הגרון נמשך החיות ממעלה למטה ...וזהו בעצמו בחינת **הבית המקדש שנקרא צווארו של עולם**, כמו שכתוב, **"עד צוואר יחצה"**. (ישעיה ל), כמו שפירש רש"י שם וכמו שכתוב, **"צווארך כמגדל השן"**. כי עיקר המשכת כל כוחות השפע והחיות ממעלה למטה הוא דרך הבית המקדש וכן עליית כל התפילות שנמשכין מכוחות אלו למעלה, למעלה מן המקום הכל מהבית המקדש וכנ"ל על כן נקרא צוואר וכנ"ל. עי' גם מדרש רבה שיה"ש פר' ד', פס' י"ב.

נאכאמאל באשאפן ווערן און עס זאל זיין מלאכים מיט מנהיגים, אין זיי (- השונאי ישראל) זאלן באקומען זייער מפלה אויף וואס זיי האבן חרוב געמאכט דעם בית המקדש.

דער פינפטער אלף - וואס ליידער ציהט זיך עס נאך היינט, ביז עס וועט זיין דער גאולה ווען פרייטאג וועט זיין **"ה' מלך גאות לבש"** וואס דערפאר זאגט מען עס פרייטאג אבער ביז דעמאלט ציהט זיך נאך דעם 'אלף החמישי' - איז דא איין זאך: **"הרנינו לאלקים עוזנו"**. איין קשר מיט'ן אויבערשטן איז דא: 'רינון פֶּה' – רינון. 'רינון-פה' בתורה, 'רינון-פה' בתפילה, הייליגע דיבורים, אט דאס האט מען, דאס איז דער קשר! דאס איז דער איינציגער קשר וואס מאכט אלע תיקונים און וועט מאכן אלע תיקונים!

און דאס דארף מען וויסן, דאס איז דעם הייליגן רבי'נס זאך. דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן מען זאל נישט מטשטש זיין דעם דיבור מיט קיין לשון הרע'ס און רכילות – אט דאס איז די עצה! אט דאס איז די עצה און דער תיקון הדיבור וואס דער רבי האט גערעדט פון דעם - זיך האלטן ביים דיבור! זאגן אסאך!

### פאררעכטן דעם שורש

מען זעהט טאקע – און למעשה איז דאך אזוי, דער רבי זאגט אין תורה כ"ט[מא] אז מען דארף האבן זייער אסאך תיקונים - תיקונים אין אלע בחינות - אויף דעם גלגול, מיט די פריערדיגע גלגולים.

---

**מא.** וזל"ש באות ג' (ע"פ ספה"ק "ליקוטי עצות" ערך 'ברית'): "לפי הלא תעשה שעוברים, חס וחלילה, כן מעוררין בחינת דם נדה להשכינה וגורמין אפרשותא בין קודשא בריך הוא ושכינתיה. ולתקן כל העבירות בפרטיות הם רבים מאד וכבד על האדם ואי אפשר לתקן אותם, כי יש דקדוקים ופרטים רבים בכל לאו ולאו. **על כן צריך לתקן תיקון הכללי והוא תיקון הברית, ועל ידי זה נתתקנין ממילא כל הלאוין שעבר, ואפילו למקומות הצרים והדקים שאי אפשר לבוא לשם שום תיקון, על ידי תיקון הכללי זורק תיקונים גם לשם"**.

איז דער רבי זאגט: מען דארף אלעמאל גיין לשרשו, לשורש התיקונים. 'תיקון הברית' לדוגמא: תיקון הברית איז א תיקון השָרשי. אז מען איז עוסק אין שמירת הברית מאכט מען מיט יעדע התגברות 'במחשבה דיבור ומעשה' תיקונים אין אזעלכע מקומות וואס קיין תיקון קען דארטן נישט צוקומען. מען דארף בוחר זיין אין דעם תיקון השרשי - באקומען זיי אין אלע פרטים א תיקון; (אפילו) פלעצער וואס מען זעהט מען קען גאר נישט מתקן זיין און מען קען (טאקע) גאר נישט מתקן זיין - גייסטו צום שורש, ווערט אלעס מתוקן!

**ימי 'רצון'**

למעשה איז דאך דא א קבלה ביי אידן - "ישראל קדושים הם" - איז דאך עס א קבלה מסיני, א קבלה וואס מען האט געגעבן א סדר מדור דור, אז אלול איז מרמז: **"אֲ'נִי לְ'דוֹדִי וְ'דוֹדִי לִ'י"**[מב].

למעשה טאקע, דערפאר רופט זיך עס: **"ימי הרצון"**[מג] - דאס ענין פון מתקן זיין דעם רצון! ווען מען האט טאקע דעם אמת'ן רצון – 'געוואלד! ווער האט אינזינען מחלוקת? ווער האט אינזינען לשון הרע'ס און רכילות? אויף דעם בין איך באשאפן געווארן? אויף דעם בין איך אראפ אויף דער וועלט? א שאד יעדע רגע!'. דער מציאות פון דעם מענטש איז דער רצון, דאס איז דאס![מד] מען קוקט אָן

---

**מב.** שיר השירים ו, ג.; עי' ב"ח ובמשנה ברורה ריש סי' תקפ"א.

**מג.** עי' קיצור שו"ע סי' קכ"ח, סעי' א', וז"ל: "מראש חודש אלול עד אחר יום הכיפורים המה **ימי רצון**. ואף כי בכל השנה הקדוש ברוך הוא מקבל תשובה מן השבים אליו בלב שלם, מכל מקום ימים אלו מובחרים יותר ומזומנים לתשובה להיותם ימי רחמים וימי רצון, כי בראש חודש אלול עלה משה אל הר סיני לקבל לוחות שניות, ונשתהה שם ארבעים יום, וירד בעשרה בתשרי שהיה אז גמר כפרה. ומן אז הקדישו ימים אלו לימי רצון, ויום עשירי בתשרי ליום הכפורים" וכו', עייעו"ש.

**מד.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' ערב ה"ג, אות ח', וזל"ש: "והנה הכלל, **שעיקר התכלית של האדם בעולם הזה הוא הרצון דקדושה לה' יתברך** כנ"ל ועיקר ההתחלה בעבודת ה' והסוף והתכלית הכל הוא בחינת הרצון, כי עיקר הוא הרצון כנ"ל, כי

ברוחניות א מענטשן - וואס ווילסטו? דו ווילסט 'קרבת אלקים', דו ווילסט גוטס, דאס איז דאך דיין רצון![מה]

**טאקע דער תיקון און עבודה פון אלול איז דער תיקון הרצון!**[מו] "אני לדודי ודודי לי". וואס מער מען דערוועקט דעם רצון, ווערט נתעורר כביכול דעם אויבערשטנ'ס רצון! דער אויבערשטער וויל דאך אוודאי - "**קוֹל דּוֹדִי דוֹפֵק פִּתְחִי לִי**"![מז] ער וויל דאך מען זאל מאכן אַן אתערותא דלתתא, א תיקון הרצון! דאס איז נאר דער כח הדיבור![מח]

אלול זאגט מען דאך 'תיקונים'![מט] דאס איז דאך דער העכסטער ספר אויף דער וועלט, עס איז למעלה למעלה מהשגת (אנוש), נאר די יחידי הדורות (מבינים בה). דער רבי האט געזאגט א לשון: "**ועל ספר התיקונים לבד לא יספיקו אלפים ספרים לבאר עוצם ריבוי**

---

**הנשמה הוא בחינת רצון**, כי כלליות נפש רוח נשמה נקרא נפש, ונפש הוא לשון רצון, כמו שכתוב, "אם יש את נפשכם וכו'". כי הנשמה שרשה מבחינת רצון העליון ועיקר תכליתה שתחזור למקום אשר חוצבה משם, שתזכה להיכלל ברצון שברצונות בבחינת נשמת משה רבינו כנ"ל", וכו' עיי"ש.

**מה.** כמו שאומרים בסליחות ליום ראשון: "**הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶ**"".

**מו.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות שם, אות ל"ה: "ועל כן אלו הימים הם ימי רצון, '**ימי רצון**' דייקא, כי בהם מאיר הרצון העליון בכל שנה ושנה בכל דור ודור. **ואז צריכין להתגבר ביותר להמשיך על עצמו רצונות חזקים וכיסופין גדולים לה' יתברך**".

**מז.** שיר השירים ה, ב.

**מח.** עי' בספה"ק "ליקוטי מוהר"ן" סי' ל"א, אות ז': "**ודע שלא די לאדם בהשתוקקות בלב בלבד, כי צריך האדם להוציא בשפתיו כיסופיו**, ועל זה נסדר סדר התפילות. כי על ידי השתוקקות בלב, נעשה נפש ונקודות בכח. וכשמוציא את תשוקתו בפיו, אזי נעשה הנפש בפועל".

**מט.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן רצ"ד: "שמעתי מפיו הקדוש **שבימי אלול שנוהגין ישראל לומר 'תיקונים'** ותפילות ובקשות אחר התפילה וכו', ומאחרין יותר בבית הכנסת ובבית המדרש, אמר שמהניגון של התיקונים ומה שהלב כואב וחלש מחמת שמתאחרין בבית המדרש, **מכל זה נעשין דברים גבוהים וגדולים למעלה**".

**הסודות שיש שם**[נ]. נאר מען זאגט עס דורך מיט 'רצון', איך בין א חלק אלוקי ממעל. (ווייל בעצם) האב איך א שייכות צו דעם, נאר דער רע לאזט מיר נישט, איז לאמיר עס ארויסרעדן. 'גילוי הרצון'!

## דערוועקן דעם רצון צום באשעפער

דער הייליגער תהלים איז באשאפן געווארן אויף רצון! "**צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים**"[נא] "**לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל חָי**"[נב]. דער גאנצער תהלים איז באשאפן געווארן אויף רצונות צו השם יתברך, צו דערוועקן דעם רצון צום אויבערשטן![נג] און דאס דאנקען אליין, מען דאנקט דעם אויבערשטן, מען לויבט, דאס איז דאך אַן ענין פון השתוקקות וכיסופים![נד]

---

**נ.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן רפ"ה: "שמעתי מפיו הקדוש פעם אחד שדיבר בהפלגת גדולות סודות נוראות תורתנו הקדושה. אמר: הלא כל ספר תיקונים הוא על תיבת 'בראשית' לבד. **ועל ספר התיקונים לבד לא יספיקו אלפים ספרים לבאר עוצם ריבוי הסודות שיש שם, אשר לא יכילם העיון, כידוע לכל גדולת קדושת התיקונים הקדוש, אשר כל עורות אילי נביות לא יספיקו לבאר סודותיו ורמיזותיו וכו'**. וכל ספר התיקונים עם כל מה שנכלל בו כנ"ל הוא רק פירוש על תיבת בראשית לבד, וכן על תיבת ברא יכולין גם כן לעשות ספר תיקונים עם ריבוי סודות וכו' כנ"ל. ומזה יכולין להבין ולשער קצת גבהות עמקות תורתנו הקדושה, כי כן על כל תיבה ותיבה של התורה יש סודות רבות כמו אלו הסודות הכלולים ב"ספר התיקונים" שהוא על תיבת בראשית לבד. ועתה, כלליות התורה הקדושה שיש בה הרבה תיבות כאלו, מה גדלו סודותיה. אשר אי אפשר לבאר ולדבר מזה כלל".

**נא.** תהלים מב, ג.

**נב.** שם פד, ג.

**נג.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' ערב ה"ג, אות ל"ח: "וזהו בחינת ספר תהלים שאומרים אז, כי תהלים הוא כולו רצון ודביקות נפלא, **כי כל ספר תהלים כולם הם דיבורים קדושים של השתוקקות וכיסופין ורצון מופלג לה' יתברך** שזהו עיקר התפילה והתחינות והבקשות ושירות ותשבחות שכלול ספר תהלים שכל זה הוא בחינת רצון נפלא לה' יתברך".

**נד.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' ברכת הודאה ה"ה, אות א': "ההודאה והשבח לה' יתברך זהו עיקר הדביקות לה' יתברך שזהו בחינת הרצון והכיסופין וההשתוקקות לה'

און אפילו די עצם תפילות - יעדער איינער ווי ער טייטשט זיך אויס - אויף רוחניות, אויף גשמיות, איז דאס דאך אויך (בחינת רצון)[נה]. עס איז פאראן א פסוק: **"וּתְפִלַּת יְשָׁרִים רְצוֹנוֹ"**[נו] - דער אויבערשטער האט ליב די תפילות פון די ישרים. 'ישרים' מיינט, אז איך ווייס אז אלעס איז ('גראָד') פונעם אויבערשטן! איך האב נישט קיין זאך אָן דעם אויבערשטן - קיין איין זאך נישט! דאס בעטן דעם אויבערשטן אָט די תפילות וויל דער אויבערשטער.

**דער תהלים רייבט אויס דעם רצון, עס דערוועקט די אמונה הקדושה אז עס איז נאר השם יתברך!** פאר די ישועה (גלויבט ער) - נאר דו קענסט מיר העלפן; און נאך די ישועה לאזט ער זיך נישט ווי חז"ל זאגן[נז] "אין בעל הנס מכיר בניסו" – 'ניין! - דו! דו האסט מיר געהאלפן, נאר דו האסט מיר געהאלפן!'. די אלע לבושים (-סיבות) איז נאר לבושים אזעלכע ווייל מיר האבן נישט די זכות -

---

יתברך, **כי כל ההודאות והשירות והתשבחות כלולים בעשרה מיני זמרה שהם כולם בחינת רצון והשתוקקות נפלא שהוא עיקר הדביקות לה' יתברך"**. גם עיי"ש בהל' נט"י לסעודה ה"ו, אות ע': **"כל הברכות וההודאות לשמו הגדול יתברך הם בחינת הארת הרצון**, כי 'שמו' בגימטריא 'רצון', כי כל הברכות וההודאות כלולים בחינת עשרה מיני נגינה שהם ברכה והודאה וכו'. שכולם הם בחינת דביקות נפלא ורצון והשתוקקות נמרץ אליו יתברך".

**נה.** עיין באוסף מכתבים (חלק ג' מכתב קפ"ז) וז"ל מורינו שליט"א שם: ובענין ההתבודדות שקשה לך אפילו במעט כזה – העשה היא שתחשוב שזה קל מאד, וזה נעים מאד, ואין זה כבד כלל, אדרבה מה טוב ומה נעים לשבת לפני השי"ת עשר דקות בכל יום ולהשיח את לבך לפניו.

**ואם אתה מרגיש שיותר קל עליך להתפלל על גשמיות, תקבע את ההתבודדות על גשמיות, ובתוך כך תחטוף כמה געגועים ותפילות גם כן על רוחניות, שתזכה לעשות רצונו יתברך, ושאל יעזבך ואל יטשך מלפניו. ואם יותר קל לך שיהיה על צורך גבוה, על רוחניות, תבקש מלפניו שתזכה לעשות רצונו יתברך ובתוך כך גם כן תתפלל על מצבך.**

**נו.** משלי טו, ח.

**נז.** נדה לא.

אבער נאר דו! און די לבושים איז אויך פון דיר, עס איז אלעס פון דיר![נח]

דאס איז מיין 'מקשר זיין דער בריאה מיטן בורא עולם'! דאס איז דער גאנצער תיקון, די גאנצע ארבעט פון א מענטשן! און דאס וועט ווערן, דאס וועט ווערן. דער גאנצער תיקון השלם וועט ווערן דורך אונזערע עבודות, דורך אונזערע תיקונים - נאר דורך אונז, עס קען דאך גארנישט זיין ווער עס זאל זיין! נאר מיט אונז![נט] **דאס איז דער "ברית כרותה" וואס דער אויבערשטער האט מיטן כלל ישראל!**

---

**נח.** עיין באוסף מכתבים (חלק א' מכתב מ"ה) וז"ל מורינו שליט"א: אין מעצור לה' מלהושיע, ואמנם טרם הישועה, הישועה מאד נעלמת, וגם אחר הישועה אמרו חז"ל **"אין בעל הנס מכיר בניסו"** (נדה ל"א ע"א) וכל זה למען הבחירה. והעבודה של איש הישראלי היא, להאמין בהשגחתו הנפלאה קודם הישועה, ולמלאות פיו תהילתו תמיד אחר הישועות על הישועות הקודמות, כי כל עבודותינו הוא להתקשר עם האמת והאמונה - גם בתוך תוקף ההסתר. וכמו שכותב רבינו הק' בליקוטי מוהר"ן (סימן ז') שהאפיקורסים מכסים את הנסים בדרך הטבע, ואם כן משמע שאנו צריכים לעשות להיפך, היינו לגלות את השגחתו הנפלאה והניסים שהוא יתברך עושה גם בתוך הטבע, והיינו לגלות שהטבע הוא מלא ניסים גלויים, היפך מאפיקורסים הנ"ל – **"כיתרון האור מן החושך"** (קהלת ב' י"ג).

**נט.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות כ"ג: **"סוף כל סוף הכל יתתקנו** וכו'. אך עיקר התיקון על ידי מי שיהיה לו איזה חלק באתערותא דלתתא שבזה תלוי תיקון כל העולמות עליונים ותחתונים, **וכל דרי מעלה ודרי מטה מסתכלין ומצפין על התיקון הנעשה על ידי אתערותא דלתתא שהוא על ידי האדם הבעל בחירה אפילו על ידי הגרוע שבגרועים!** אדרבא על ידו דייקא נעשין תיקונים נפלאים ונוראים מאד על ידי כל התעוררות והתעוררות כל שהיא שמתעורר באיזה נקודה טובה באיזו יום ובאיזו שעה באיזו רגע!". גם עי"ש הל' ערבית ה"ד, אות ל"ד בדבריו הנוראים והנפלאים. גם עי' בספה"ק "כוכבי אור" סוף ערך 'אמות ואמונה' מש"ש בזה"ל: **"כי סוף כל סוף יגמור השם יתברך את שלו שיהיה בכל אחד מישראל אתערותא דלתתא לכסוף ולהשתוקק באמת אל האמת בכל לב ונפש מה שלא היה עוד אתערותא דלתתא כזה מעולם.** ואף־על־פי שמעוצם האפיקורסות והחושך ואפלה שיהיה בימים ההם כמעט שלא ידעו עוד כלל מהו האמת, אבל 'רחמנא לבא בעי' (סנהדרין קו) ומיד בהגיע העת והשעה הזאת ימשיך ברחמיו יתברך עזר וסיוע נפלאה ונוראה שלא היתה עוד כזאת".

## תפילות פון צוויי הונדערט יאר צוריק

און ברוך השם - מיר האבן א ליקוטי תפילות! אזעלכע באהאלטענע רצונות, אזעלכע רצונות קדושים, עס איז ברוח הקודש גבוה![ס] אז א מענטש וועט מאכן אליין א תפילה און עס זאגן איבער א יאר, וועט ער זעהן – 'ניין, עפעס שטימט נישט'. א מענטש האט דא געמאכט פאר צוויי הונדערט יאר צוריק – ווינציגער אביסל, א ליקוטי תפילות, ווי ער רעדט ארויס אזעלכע עמקי הנפש, אזעלכע עמקי הנפש![סא]

אז מען רעדט אויס וואס עס גייט איבער - דער אויבערשטער האט דאך אזא נחת רוח פון דעם – **'זעה, זעה ווי דער חלק אלוקי ממעל שטייט און פייניגט זיך און רעדט ארויס וואס עס גייט איבער אויף אים'** - אט דאס איז דאך אלע תיקונים אין דער וועלט! נו, ווער נאך האט איבערגעלאזט אזא ליקוטי תפילות אויף דער וועלט ווי דער הייליגער רבי נתן?!

---

**ס.** עי' בספר "כוכבי אור" – 'אנשי מוהר"ן', אות כ"ה: "גם שמעתי מהותיק ר' נחמן טולטשינער ז"ל שפעם אחת בימי הספירה היה מוהרנ"ת ז"ל על ציונו הקדוש, ואמר אז על הציון הקדוש התפילה המתחלת 'אתה יצרת' בליקוטי תפילות חלק ב' סימן ל"ו ואחר כך כשהלך משם אמר (בלשון תמה:) הם המתנגדים שואלים אם יש בהתפילות רוח הקודש, **ובאמת הם גבוהים מרוח הקודש** כי הם נמשכים משער החמשים (ועי' בליקוטי הלכות הלכות ראש חודש הלכה ו' שם מובן זה כי הדרך לעשות מתורות תפלות נמשך משער הנו"ן). גם שמעתי שאמר כי הרבה אנשים זכו כבר לגן עדן על ידי התפלות שלו".

**סא.** עי' מה שכתב בעצמו בההקדמה במעלות התפילות שלו, בא"ד: **"ראיתי כי הם כלליות גדול מאד והם דברים הצריכים לכל נפש, לכל אחד ואחד לפי מדריגתו, כולם צריכים להם למגדול ועד קטן ואין שום דבר שחסר לאדם בענין עבודת ה' שלא ימצא בתפילות הללו** ...והנה מעלת אלו התפילות יבין כל משכיל החפץ באמת ובתמימות, **כי תפילות כאלו עדיין לא היו בעולם**, והם מלאים כל טוב לבית ישראל תפילות תחינות ובקשות והפצרות ורצויים ופיוסים ווידוים וטענות ואמתלאות וצעקות ושוועות וזעקות גדולות לשם יתברך, לעורר רחמיו המרובים עלינו שיקרבנו לעבודתו יתברך חיש קל מהרה ...**ומי שיהיה רגיל בתפילות אלו באמת ובתמימות, בודאי יזכה לחיי עולם!"**.

## "ערשט בין איך זיכער איך וועל בלייבן א איד"

ווייטער, די זאך פון זיך אויסרעדן דאס הארץ פארן אויבערשטן. דורכ'ן זיך אויסרעדן דאס הארץ קען מען טאקע זיך אלץ ארויסרעדן, מיט דעם מויל קען מען זיך אלץ ארויסרעדן.

רבי נתן בשעת וואס ער האט דערהערט ביים רבי'ן דאס ענין פון תפילה און פון 'שיחה בינו לבין קונו'[סב] – האט ער דאס גוט, אבער גאר גוט דערהערט![סג] - וויפיל ער האט געהערט און ווי גרויס ער איז געווען (כבר קודם שנתקרב לרביז"ל)[סד]. רבי נתן איז געווען גאר א

---

**סב.** עי' ספר "כוכבי אור" - אנשי מוהר"ן, אות ד': "ובאלו העשרת ימי תשובה (בתחילת התקרבות מוהרנ"ת) נכנס פעם אחת לבדו אצלו ז"ל וסיפר לפניו את כל לבו וצוה אז עליו אדמו"ר ז"ל כמה הנהגות (עין בשיחות הר"ן באות קפ"ד) ואחר כך יצא עמו מהבית והלך עמו בחוץ אנה ואנה אצל הבית הכנסת הגדול דשם ודיבר עמו הרבה דברים המשיבין את הנפש, והחיה אותו מאד ובאמצע השיחה לקחו אדמו"ר ז"ל בידיו הקדושות סביב כתפיו וענה ואמר לו בזה הלשון: "**און ווייטער איז זעהר גיט אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ פאר השם יתברך אזוי וויא פאר איין אמת'ן גוטן פריינד** (ומעתה, טוב מאד אם אומרים את כל שבלב לפני ה' יתברך הינו כמו לפני חבר טוב אמיתי) ומיד נכנסו אלו הדיבורים בלבבו כאש בוערת ממש, **והבין תיכף שעל ידי עצה זאת בוודאי יהיה נעשה איש כשר כראוי** כי כל מיני מחשבות שיסבב הבעל דבר בדעתו וכל מיני מניעות שימנעהו כולם יספר לפני השם יתברך ויבקש מאתו רחמים ותחנונים על כל דבר שיעזרו להיות כראוי לאיש הישראלי ועל ידי אלו הדיבורים קירבו להשם יתברך בהתקרבות גדול מאד".

**סג.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ה באריכות מזה, והרי לפניך מ"ש בא"ד באות ז': "ואם ירבה לדבר דיבורי תפילה ותחנונים ויתפלל הרבה להשם יתברך שיזכה לשוב ולקיים את כל דברי התורה **בוודאי** יעורר רחמי השם יתברך עליו עד שיפתח לו השם יתברך שערי התשובה **ויזכה סוף כל סוף לשוב אל השם יתברך וירחמהו**". גם עי"ש בהל' אונאה ה"ג דברים נפלאים.

**סד.** בעצם עצת ההתבודדות שהיא העצה הכללית עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה: "**ההתבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל!** ...והנהגה זו הוא גדולה במעלה מאד מאד, והוא דרך ועצה טובה מאד להתקרב אליו יתברך, **כי זאת היא עצה כללית, שכולל הכל.** כי על כל מה שיחסר לו בעבודת השם, או אם הוא רחוק לגמרי מכל וכל מעבודתו יתברך על הכל יפרש שיחתו ויבקש מאתו יתברך כנ"ל

גרויסער חכם, ער האט גוט געוואוסט וואס פאר א מין הַעלמה עס גייט איבער אויף דער וועלט און וואספארא מינע קליפות עס איז דא - תאוות מיט קליפות מיט אפיקורסות אין וואס דער בעל דבר איז 'כל משאו ומתנו בך'[סה], ער האט גוט געוואוסט ווי עס איז איינגעשטעלט אויף דער וועלט, ער האט מורא געהאט, ער האט געוואוסט אז עס איז דא א בעל דבר - "זה לעומת זה עשה אלקים"[סו]. איז בשעת ער האט דערהערט גוט דער זאך פון תפילה ביים רבי'ן, די זאך פון 'אויסרעדן זיך דאס הארץ פארן אויבערשטן' ביים לעבן, איז ער אוועק: **"ערשט בין איך זיכער איך וועל בלייבן א איד - אַן ערליכער איד תמיד, ווייל וואס עס וועט אויף מיר איבערגיין וועל איך דאס אליין דערציילן דעם אויבערשטן, איך וועל זיך פון דעם נישט אפלאזן - וועל איך אויספירן!"**

טאקע אויף עפעס א פלאץ אין "חיי מוהר"ן" שטייט, אז דער רבי האט געזאגט, אז דער מענטש זאל אפשטימען אז ער זאל כסדר שרייען און בעטן דעם אויבערשטן און זיך אויסרעדן פארן

---

...ודע, **שכמה וכמה צדיקים גדולים מפורסמים סיפרו, שלא באו למדריגתם, רק על ידי הנהגה זו.** והמשכיל יבין מעצמו גודל מעלת הנהגה זו, העולה למעלה למעלה, והוא דבר השוה לכל נפש **מקטן ועד גדול**, כי כולם יכולים לנהוג הנהגה זו, ועל ידי זה יבואו למעלה גדולה. **אשרי שיאחז בזה**". ושם בסי' ק"א: "כי **אף על פי שנמצאים כמה עצות טובות בספרי רביז"ל, שהם מלאים עצות להתקרב להשם יתברך, אף-על-פי-כן על-פי רוב קשה להאדם לקיים העצה בעצמה.** על כן העיקר הוא תפילות ותחינות ובקשות, **יהיה איך שיהיה**, על-כל-פנים ידבר בפיו באיזה בחינה שהוא, ויבקש מהשם יתברך תמיד, שיוציא אותו מחושך לאור ויחזירהו בתשובה שלמה באמת, ואל יתן דמי לו עד שיענהו. ואף על פי שהוא קורא וצועק להשם יתברך זה זמן רב מאד, ועדיין הוא רחוק מאד מאד, אף על פי כן **אם יהיה חזק ואמיץ בתפילות ובקשות, בוודאי סוף כל סוף יענהו השם יתברך ויקרבו לעבודתו באמת, בוודאי בלי ספק, רק חזק ואמץ!**". וכמו שמבואר מזה הרבה בספרי רביז"ל, ועי' בכל המסתעף לזה בספר "השתפכות הנפש".

**סה.** קידושין ל:

**סו.** קהלת ז, יד.

אויבערשטן אויף אלץ וואס גייט אויף אים איבער! דאס אליין איז תשובה, דאס עצם אפשטימען איז שוין תשובה![סז]

און ממילא למעשה, אז דער אויבערשטער העלפט, איז דער דיבור טאקע מכח התבודדות, מכח ליקוטי תפילות, און דערנאך ביי די דריי דאווענען'ס ביומא איז דאך אויך גערעדט - כסדר רעדט מען צום אויבערשטן, דאס איז אויך עבודת הרצון, עבודת הרצון, עבודת אמונה, מען בויעט זיך אויף דער אמונה, מען בויעט זיך אויס דעם רצון, מען ווערט דערהויבן, מען ווערט נענטער צום אויבערשטן, דאס איז דער גאנצער מציאות פון דעם מענטשן.

## בלייב מיטן דיבור!

מען דארף וויסן, עס איז דאך א מתנת אלקים דער אלול מיט דער תשרי. א יאר איז א קומה - אזוי ווי א מענטש איז א קומה שלימה - אין א מענטשן איז דא מיליארדן מיליארדן (עולמות התלויים בו[סח], כמו כן) דער יאר איז א קומה שלימה. און דער אלול מיטן תשרי איז מתוקן געווארן אלס א מתנה פון דעם אויבערשטן צו מתקן זיין דעם גאנצן קומה פון דער שנה וואס איז אריבערגעאנגען, און צו מאכן א גוטן יסוד – "ירח האתנים"[סט] – א שטארקן יסוד אויף דער קומה פון דאס נייעם יאר.

---

**סז.** עי' בספה"ק ספר שיחות הר"ן, אות ער"ה: "**ואמר רביז"ל שאפילו הישיבה בעצמה שיושבין בחדר מיוחד לבדו גם זה טוב מאד**". וסיים שם בהמשך: "ועוד יש לזה כמה תחבולות למי שחפץ באמת לנהוג הנהגה זו של התבודדות העולה על הכל **שהוא יסוד שורש הקדושה והטהרה והתשובה** וכו' כמבואר כבר כמה פעמים" וכו', עיי"ש בפנים.

**סח.** עי' בספה"ק חיי מוהר"ן אות תק"ה: "אמר: **אז מע זאל איבערקערן א מענשן וואלט מען גיזעהן וויא אין איטליכן אדעריל הענגען אלפי אלפים ורבי רבבות עולמות!** (אם היו מהפכין את האדם [רצונו לומר לראות את פנימיותו] היו רואין שבכל גיד וגיד מגידיו תלויים אלפי אלפים ורבי רבבות עולמות)".

**סט.** מלכים-א ח, ב.

און דאס איז נאר דורך "פתח פיך" און "הרנינו לאלקים עוזנו". 'פתח פיך' - ארבעט, ארבעט, קוק נישט וואס עס גייט דיר נישט - קוק נישט! דער דיבור רייבט, דער דיבור מאכט א תיקון! **דו זאלסט זיך נישט איבערשרעקן אז עס גייט נישט - בלייב מיטן דיבור!** [ע]

## אויפגעפלאקערט ביי די 'הללוקָה'ס'...

איך האב עס דערציילט כמה פעמים - א זאך וואס איז געווען: מיר האבן געוואוינט אין דער אלט-שטאט (ירושלים). און דער כותל איז געווען אזוי ווי אונזער שול. אמאל איז די נסיעות געווען - בפרט אז מען איז געקומען פונדערווייטנס - מען האט געדארפט נעכטיגן אינמיטן, א טאג, עס איז נישט געווען קיין אויטא פון גליל ביז דאן.

על-כל-פנים, האט מיר דערציילט א אינגל [- עלף יאר איז ער געווען אלט. דאס איז א מעשה מן הסתם פון עטליכע אין זעכציג יאר]: א איד איז געקומען פון די מרחקים צום כותל. אז מען קומט שוין צום כותל - ביז מען קומט שוין... הויבט ער אן צו זאגן תהלים.

---

**ע.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן אות רל"ד: "שמעתי בשמו לענין התחזקות בהתבודדות ושיחה בינו לבין קונו. אמר **שאפילו אם עוברים ימים ושנים הרבה, ונדמה לו שלא פעל עדיין בשיחתו ודיבוריו כלום אף על פי כן אל יפול מזה כלל** כי באמת בוודאי עושים הדיבורים רושם. והביא משל כמו מים היורדים על האבן, אף על פי שנדמה לנו שאין להמים כח כנגד האבן הקשה ואין ניכר רשם המים באבן, אף על פי כן כשהמים יורדים על האבן כמה וכמה זמנים רצופים הם עושים נקב בהאבן כנראה בחוש. כמו כן, אפילו אם לבו לב האבן ואין ניכר בו רושם דיבוריו ותפילתו אף על פי כן **ברבות הימים והשנים ינקב לבו האבן על ידי שיחתו**, כמו (איוב יד י): 'אבנים שחקו מים' כנ"ל". גם עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה, אות מ"ג, וזל"ש בא"ד: "**ואף על פי שזה כמה שמתפלל ומתבודד ונדמה לו שלא פעל כלל**, אף על פי כן כל דיבור ודיבור אינו נאבד וכולם מנויים וספורים וגנוזים באוצרותיו יתברך. וגם כי אי אפשר להאדם כלל לידע בזה הגוף אם פעל בעבודת השם אם לאו. ואפילו אם לא פעל כל ימיו כי אם כחוט השערה אחת גם זה יקר מכל חיי העולם הזה. ועל כן צריכין להתחזק בזה מאד בלי שעור, **וכשיהיה חזק כנ"ל** בבחינת: "נפתולי אלקים נפתלתי", **אז סוף כל סוף בודאי יזכה לפעול בקשתו ולהתקרב להשם יתברך באמת** ולהיות שוה עם אחיו הכשרים והצדיקים".

ער האט זיך צוגעקוקט ווי דער איד זאגט תהלים, און ער זעהט – ס'גייט אים נישט, ס'גייט נישט. אבער וואס קען ער טוהן? אנטלויפן? האט ער געזאגט און געזאגט ווי עס גייט. אז עס איז געקומען צו די 'הללוקָה'ס' (סוף תהלים) האט ער אזויפיל געוויינט, ער האט אזויפיל געבענקט, אזויפיל געגאסן טרערן! ער האט אויפגעפלאקערט ביי די הללוי-ה'ס...

וואס איז דער לימוד? **דער דיבור רייבט! עס רייבט אפ!** אז עס דערוועקט זיך קען מען וויינען ביי די הללוקה'ס. מען זאגט דאך עס אלע טאג, א מענטש ביי א זאך וואס ער זאגט אלע טאג ווערט ער (געוועגטליך) נישט נתעורר. ווי מען זאגט - עס איז א געוואלדיגע חיזוק - דער דיבור. **דער רבי האט געהייסן – 'נישט אפלאזן דעם דיבור!'** [עא]

## א נייע ראש השנה אינגאנצן

איי, מען זעהט נישט (איזה חילוק בין ר"ה לחבירו)? דאס איז אויך א מעשה בעל דבר. ווייל מיר זענען גשמיות'דיגע אידן, זעהען מיר נישט. אזוי ווי איינער זאל נישט מכיר זיין פון איינער צום צווייטן: אז דא זיצן צוויי מענטשן - איין מענטש, און נאך א מענטש, אז ער

**עא.** עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ח, וזל"ש (ע"פ ליקוטי עצות ערך 'דיבור' אות י"ט): "הדיבור הוא בחינת 'אם הבנים', היינו כמו שהאם הולכת תמיד עם בנה אפילו למקומות המטונפים ואינה שוכחת אותו, כמו כן הדיבור הולך עם האדם תמיד אפילו במקומות המטונפים ומזכיר אותו תמיד את השם יתברך. היינו שאפילו אם האדם מונח חס ושלום, בשפל המדריגה מאד במקום שהוא חס ושלום, אף על פי כן **עלידי הדיבור יכול להזכיר את עצמו בשם יתברך לעולם, דהיינו שאפילו אם הוא במקום שהוא, אם יתחזק גם שם לדבר על כל פנים דיבורים קדושים של תורה ותפילה ושיחה בינו לבין קונו או לשיח עם רבו או חבירו ביראת שמים, יכול להזכיר את עצמו בשם יתברך לעולם** אפילו שם במקומות הרחוקים מאד מהשם יתברך שהם בחינת מקומות המטונפים, אפילו אם נפל למקום שנפל רחמנא לצלן, כי הדיבור אינו מניח אותו לשכוח את השם יתברך. והבן הדבר היטב מגודל כח הדיבור **והיא עצה נפלאה ונוראה, למי שחפץ באמת לבל יאבד עולמו לגמרי חס ושלום**".

איז נישט מכיר דאן זעהט ער נישט קיין הבדל, עס זענען צוויי באזונדערע מענטשן. (כמו כן) יעדער מענטש איז אַן אנדער עולם, אַן אנדער ענין, אַן אנדערע תיקון, אַן אנדערע שורש נשמה[עב].

אז עס קומט א צווייטע יאר, איז נישט פשט אז עס איז נאכאמאל א יאר, עס איז נישט פשט אז עס איז נאכאמאל א ראש השנה, נאר עס איז א נייער חידוש נפלא, א נייע זאך, א חלק פון א קומה שלימה בשורש פון די סדרי בראשית![עג] באַארבעט דאס! זיי זיך מצטרף צו די תיקונים! עס איז דיין תיקון, עס איז דער תיקון פאר דעם יאר, דו האסט א שייכות צו 'שותף הקב"ה למעשה בראשית'! דאס יאר דארף האבן תיקונים, דאס יאר דארף תפילות, דאס יאר דארף אַן המלכה - ראש השנה איז א טאג פון המלכה, דאס איז דאס.

עס איז נישט פשט אז דער זעלבער ראש השנה איז געקומען נאכאמאל - עס איז א נייער זאך אינגאנצן. מיר זענען בלינד - אזוי

---

**עב.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן נ"ד: "השם יתברך אינו עושה שני פעמים דבר אחד כי אפילו גלגולים אין זאת הנשמה נתגלגלת פעם שניה כמות שהיא רק זאת הנפש עם זה הרוח וכיוצא בזה כידוע, נמצא שעכשיו כשזה הנפש מתקבץ עם רוח אחר וכיוצא בזה, שוב אין זה מה שהיה קודם, כי אין השם יתברך עושה שני פעמים דבר אחד". ועי' גם בספה"ק ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה, אות ל'.

**עג.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ה, אות ג': "כי בכל ראש השנה חוזר ונעשה מה שהיה בתחילת הבריאה, כמבאר בכתבי האריז"ל, **אבל בוודאי בכל ראש השנה נעשה חדשות לגמרי רק שהוא מעין שהיה בתחילת הבריאה אבל בוודאי הוא בבחינת התחדשות נפלא. כי זה ידוע שאין ה' יתברך עושה שתי פעמים דבר אחד.** ועיקר ההתחדשות הנפלא הנעשה בראש השנה מעין תחילת הבריאה הוא בענין המתקת הדינים ...**וזהו גודל הפלא של ראש השנה של הצדיקים** הנ"ל, שממשיכין בכל ראש השנה חסדים חדשים נפלאים מאד לבטל הקטרוגים של הפגמים של אותו השנה עד שממתיקין כל מיני דינים שבעולם. וממילא מבטלים כל הצרות והיסורים מישראל, וממשיכין שפע ורב טוב לבית ישראל. **והעיקר שעל ידי ריבוי החסדים חדשים ונפלאים שממשיכין בראש השנה, על ידי זה מבטלין ומחלישין כח היצר הרע ומכניסין הרהורי תשובה והתחזקות נפלא בישראל להתחיל בכל פעם לשוב אליו יתברך מכל מקום שהוא!** כי כל מה שממשיכין חסדים יותר וממתיקין דינים יותר, כמו כן מחלישין כח היצר הרע והסטרא אחרא שכל כחם מדינים כנ"ל".

ווי איינער וואס די אויגן ארבעטן אים נישט און ער זאל אנקוקן צוויי מענטשן און וועט נישט מבחין זיין – (ויחשוב:) 'דער איז דאך די זעלבע זאך, און 'דער' איז דאך די זעלבע זאך'. עס איז נישט די זעלבע זאך! עס קומט א נייעם יאר, עס איז א נייע קומה נפלאה אין די סדרי דבראשית! און דער אויבערשטער דארף האבן דאס יאר אונזערע תפילות און אונזערע המלכות און אונזערע תיקונים און אונזער תורה און אונזערע תפילות און אונזערע עבודות - עס איז א נייע זאך אינגאנצן, עס איז נישט קיין אלטע זאך, עס איז נישט קיין חוזר ונשנה.

## 'חדש' עלינו שנה טובה

דאס איז דאך קיין ספק נישט, דער סוד האט דאך אוודאי געוואוסט דער הייליגער רבי, אז דאס האט א גרויסן שייכות צו דער סוד פון התחדשות וואס דאס איז דעם רבי'נס זאך[עד]. דעם רבי'נס זאך איז געווען התחדשות, זיך באנייען, זיך באנייען, ווייל יעדע רגע טוהט זיך אַן אנדערע זאך, עס איז דא תיקונים און שינויים. 'באניי זיך, באניי זיך', דו קענסט זיך באנייען! דער רבי זאגט, אז זיין סוד איז התחדשות![עה] די זעלבע זאך טאקע - אויך ראש השנה, דער

---

**עד.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן אות נ"א.

**עה.** בגודל הפלגת התחדשות של רביז"ל עי' בספה"ק "חיי מוהר"ן" אות שפ"ד: "אמר לא מבעיא דיבור שאינו יוצא מפי בלי התחדשות, אלא **אפילו הבל אינו יוצא מפי בלא התחדשות**". גם עי' בספה"ק "שבחי הר"ן" חלק שני, אות ל"ג-ל"ד: "ולפעמים זכינו לשמוע מפיו שהודיע לנו שכעת נודע לו חדשות וכו' ואז היה שמח קצת. ואחר כך, תיכף שזכה לזה אחר כך התחיל עוד מחדש ושכח כל העבר **כאילו לא התחיל עדיין כלל, וחזר והתחיל מחדש** כמו שמתחיל לילך וליכנס בקדושת ישראל ...ובענין זה היה חידוש גדול מאד מאד. **ואמר בפירוש על עצמו שהתורה שלו הוא חידוש גדול מאד, אבל "האינו יודע" שלו הוא חידוש גדול ביותר**. היינו ענין הנ"ל, כי בכל פעם היה דרכו לומר שעכשיו אינו יודע כלל (ועיין עוד מזה במקום אחר). וכבר נשמע מפיו הקדוש שאמר, כי יש צדיקים שעבדו וטרחו עד שזכו לאיזה מדריגה ומעלה כל אחד כפי מעלתו, כמו למשל אצל מלך ששריו זוכין על ידי עבודתם כל אחד

ראש השנה איז אויך התחדשות[עו]. דער רבי האט געוואוסט גוט דעם סוד פון התחדשות.

אין תורה י"ג (בספה"ק ליקוטי מוהר"ן, אות ה'), זאגט דער רבי, אז דער צדיק איז מעלה די נפשות און איז זיי מחדש. וואס איז נפשות? רצונות! די נפש איז רצון (כמ"ש:) "אִם יֵשׁ אֶת נַפְשְׁכֶם"[עז]. זאגט דער רבי, אז דער צדיק קלייבט צוזאמען אלע רצונות און באנייט דאס. ווייל יעדע סארטן רצונות דארפן האבן א תיקון - **"אָרִיתִי מוֹרִי עִם בְּשָׂמִי"**[עח]. 'מורי' - דאס איז די ביטערע רצונות, די שלעכטע רצונות וואס איז נגד רצון ה' - דאס איז זייער ביטער. מען קומט אראפ אויף דער וועלט פון אזעלכע מרחקים אויף צו האבן ביטערע רצונות? רח"ל! אויף דעם ביסטו באשאפן געווארן?! - און 'בְּשָׂמִי' דאס איז די גוטע רצונות וואס האבן א ריח טוב, א ריח של גן עדן! - אלע דארפן האבן א תיקון - "אריתי מורי עם בשמי". די גוטע

---

לאיזה מעלה לאיזה התמנות גבוה כפי עבודתו. **אבל על עצמו אמר, שאם היה יודע שהוא עכשיו באותה המעלה ומדריגה של אישתקד אינו רוצה את עצמו כלל!** (ואמר בלשון גנאי על עצמו על ענין הנ"ל אם היה נשאר במדריגה של אשתקד) רק בכל פעם הוא עולה ממדריגה למדריגה". עי' גם בספה"ק שיחות הר"ן קע"ט מה שהתבטא על עצמו בסוף ימיו, עיי"ש.

**עו.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה, אות כ"ג: "עיקר קדושת ראש השנה הוא שנזכה לתשובה שלימה, כי הוא יום ראשון לעשרת ימי תשובה, היינו **שנזכה לחדש ימינו שעברו בחושך ולהוסיף מעתה תוספת קדושה ועבודה מחדש, שזהו בחינת 'חדש עלינו שנה טובה' שאנו מבקשין בראש השנה.** 'חדש' דייקא שנזכה לשנה חדשה דייקא". ושם בהל' ספר תורה ה"ד, אות כ"א: **"כי זה כלל גדול שעיקר תיקון האדם וכל העולמות התלויים בו הוא ע"י בחי' התחדשות** וכמו שהזהיר אדמו"ר ז"ל בקול רם בקול חזק מאד בעת שהוכיח אותנו וערר והקיץ אותנו בדבריו הנוראים ואמר אז בזה"ל **אלט טאר מען ניט זיין** וכו' וכנדפס קצת מזה בסוף הספמ"ע ע"ש. כי **עיקר התשובה בבחי' התחדשות** כ"ש 'השיבינו ה' אליך ונשובה **חדש** ימינו' וכו'. וכתיב '**תתחדש** כנשר נעוריכי'".

**עז.** בראשית כג, ח.

**עח.** שיר השירים ה, א.

רצונות דארף מען פארשטערקערן און אויפפרישן שטארקער און שטארקער - עס האט דאך נישט קיין גבול ווי הויעך די הייליגע רצונות קענען גיין. דער אויבערשטער איז דאך אין-סוף[עט], איז די רצונות (קענען אויך גיין) אֵין סוף. (ע"כ) דארפן די גוטע רצונות אויך האבן א תיקון. און 'מורי' דאס איז די ביטערע רצונות וואס דארף האבן א תיקון[פ].

## נישטא אויף וועמען צו מקטרג זיין

דא איז אויך אזוי, אז דער אויבערשטער העלפט אין די ימי הרצון, בייט מען דעם רצון און מען באנייט די גוטע רצונות, מען באנייט עס שטארקער און בעסער און ערנסטער, שטארקער און שטארקער מיט אנדערע שיינע גוונין, העכער און העכער. און דער 'מורי' - די ביטערע רצונות דאסווארפט מען אוועק און מען בייט עס איבער. מען קען עס איבערבייטן אינגאנצן לטוב, מען ווערט אַן אנדער מענטש. דער מענטש קומט - ער האט אנדערע גוטע רצונות צום אויבערשטן פון קיום התורה, מידות טובות, בין אדם לחבירו, בין אדם למקום, השתוקקות להשם יתברך, א שטארקע אמונה, אַן אייביגער רצון! מען לעבט מיט א רצון פון קרבת אלקים.

ווען מען לעבט מיט קירבת אלקים איז עס נישט דער מענטש, עס איז אַן אנדערער מענטש אינגאנצן, עס ווערט ממילא נמחל אלע

---

**עט.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן נ"א: "ולעבוד ה', איני יודע מי הוא שיוכל לומר שיעבוד את ה' לפי גדולת הבורא יתברך, מי שיודע מעט מגדולתו יתברך איני יודע איך יכול לומר שיעבוד אותו יתברך. **ושום מלאך ושרף אינו יכול להתפאר על זאת שיוכל לעבוד אותו יתברך, רק העיקר הוא הרצון**, להיות רצונו חזק ותקיף תמיד להתקרב אליו יתברך. **ואף על פי שהכל חפצים ורוצים לעבדו, אף על פי כן אין כל הרצונות שוין. ויש חילוקים רבים ברצון**. אפילו באדם אחד בעצמו בכל עת ובכל רגע יש חילוקים גדולים בין הרצונות. והכלל, שעיקר הוא הרצון והכסופין שיהיה כוסף תמיד אליו יתברך, ובתוך כך מתפללין ולומדין ועושין מצוות".

**פ.** עי' בספה"ק פרפראות לחכמה על תורה זו, ושם באות ה'.

עוונות. אלע עוונות איז דאך קלקול הרצון, (ע"כ) איז דאס אליין דער תיקון – אז ער באקומט נייע גוטע פרישע רצונות[פא].

אז ער בויעט אויף דעם אלול און ער ווערט א נייער מענטש און ער באקומט ריכטיגע רצונות וואס פאר דעם איז ער באשאפן געווארן און דאס איז זיין שליחות אויף דער וועלט, ווערט ער א נייער מענטש - דו ביסט א נייער מענטש! עס איז אויס עוונות, אויס חטאים, אויס פשעים, פערטיג, עס איז שוין נישט דער מענטש![פב]

דער רבי זאגט עס מפורש, אין תורה כ"א (בסופו), דאכט זיך, אז: "**מְשַׁנֶּה פָנָיו וַתְּשַׁלְּחֵהוּ**"[פג] - ווייל מען באקומט אנדערע מוחין. די סטרא אחרא איז נישט מקטרג אויף דעם מענטשן - ווייל זי דערקענט אים נישט, ער איז נישט דער מענטש, עס איז נישטא אויף וועמען צו מקטרג זיין, עס איז אַן אנדער מענטש אינגאצן, ער האט אנדערע מוחין.

---

**פא.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ה, אות ה': "ועל כן **בקל** יכולין לשוב מכל העבירות אם ירצה באמת, **כי עיקר הוא הרצון**. ותיכף כשיתגבר וירגיל את עצמו שיהיה לו רצונות חזקים דקדושה להתקרב לה' יתברך ולצדיקיו ולא ירפה את הרצון בוודאי יוכל להתגבר על כל המניעות הבאים על ידי העבירות וחטאות נעורים שלו. ובוודאי ישבר כולם ויזכה לחיים נצחיים **כי עיקר פגם העבירה הוא מה שנחלש הרצון דקדושה על ידי העבירה** כנ"ל שעל ידי זה עבירה גוררת עבירה. ועל כן נדמה לו שאי אפשר לו לצאת ממה שנלכד בו. אבל הבחירה חפשיית תמיד. ותשובה קדמה לעולם. וה' יתברך נתן כח באדם שאפילו אחר כל העבירות והחטאים חס ושלום. יש לו כח עדיין להתגבר ברצונות חזקים לה' יתברך, שעל ידי זה ישבר כל המניעות ויתקרב לה' יתברך", עייעו"ש.

**פב.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' ערב ה"ג, אות ד', בא"ד: "**אבל מי שכבר נכשל באיזה חטא ועוון ואפילו אם הרבה לפשוע מאד מאד, ואפילו אם עשה מה שעשה, אף על פי כן אם יתגבר את עצמו על כל פנים לבלי לשכוח את ה' יתברך ועל כל פנים יזכור את עצמו בכל פעם וירגיל את עצמו לכסוף ולהשתוקק לה' יתברך ברצון חזק תמיד - זה עיקר התשובה. ויכול לזכות על ידי זה לעליה גדולה וכל העוונות יתהפכו לזכיות**".

**פג.** איוב יד, כ.

## באקומען א נייעם הארץ

אבער על-כל-פנים, דאס איז א נקודה וואס עס איז דא זייער אסאך ארומצורעדן אויף דעם - די עבודה פון 'ווילן' און באקומען די ריכטיגע רצונות, מען דארף אויסארבעטן דעם רצון.

די גמרא זאגט[פד], אז תפילה איז 'עבודה שבלב'. עבודה שבלב - מען ארבעט אויס דעם הארץ. מען דארף דאס אויסאַרבעטן, מען דארף פאררעכטן און באנייען אונזער הארץ און באקומען א נייע הארץ להשם יתברך, דאס איז די ארבעט פון די 'ימי הרצון', סיי פון אלול און סיי פון תשרי.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, אז עס זאל טאקע אויף אונז מקוים ווערן 'על כל אחד ואחד מאתנו' דעם **'אני לדודי ודודי לי'**.

---

**פד.** תענית ב.

# ענבי הגפן בענבי הגפן

ברכת מזל טוב לכבוד האי גברא רבא ויקירא,
הרבני הנגיד, לבו ער לכל דבר שבקדושה, המתחסד עם קונו

## מוה"ר **ליפא גפן** הי"ו

לרגל השמחה במעונו
**בנשואי בנו החשוב שלמה ני"ו למז"ט בשטו"מ**

עב"ג בת הרה"ח **יחזקאל גאלדמאן** הי"ו
חתן הגה"צ רבי **שמשון שווארטץ** זצ"ל – רב ביהמ"ד ברסלב בק"י

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דהזיווג יעלה יפה יפה, וירוו רב תענוג ונחת דקדושה כל הימים, בבריות גופא ונהורא מעליא, ויקוים עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה, בב"א

וגם לרבות ברכת מזל טוב, לכבוד ידידינו הרב החסיד,
הרבני הנגיד, לב טוב ומיטב לכל, רחום ומוקיר רבנן,
ואיהו גופא מצורבא דרבנן

## מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

לרגל ארוסי בתו שתחי'
למז"ט בשעטו"מ

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שיהיה קשר של קיימא ובנין עדי עד,
שמחה ונחת כל הימים מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, אמן.

# עמודי הרתווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם,
עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

## ברכת התודה

להני נדיבים בעם, שהשתתפו בעין טובה וברוח נדיבה, בהוצאות החודש הזה
ה"ה

מוה"ר **בנימין יודא ווערצבערגער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות למז"ט

מוה"ר **ברוך פעדער** הי"ו

מוה"ר **שמעון ישראל פערלמוטער** הי"ו

מוה"ר **שמשון מארמארשטיין** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דבזכות זה יזכו לרב ברכות וישועות,
בבריות גופא ונהורא מעליא, שמחה ונחת כל הימים, אכי"ר.

# יאמץ לבך

דערפאר טאקע, דער **"אכלו משמנים ושתו ממתקים כי חדות ה' הוא מעוזכם"** (נחמי' ח, י) גייט אויף ראש השנה! (עיי"ש; ובספה"ק חיי מוהר"ן אות ת"ג).

פריידט זיך! פריידט זיך! דער אויבערשטער האט זיך דא אראפגעלאזט מיט אזא עניוות אז **'איר'** זאלט אים ממליך זיין! איר ווייסט וואס דאס איז? איר ווייסט וואס דאס הייסט? דעם אויבערשטנ'ס עניוות אז **'איר'** זאלט **'אים'** ממליך זיין?! **ער דארף אייער המלכה!!** דאס איז דאך מורא'דיג אין דער וועלט!

עס איז דאך **"במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו!"** דער אויבערשטער איז דאך העכער פון אלעס, ער דארף צו קיינעם נישט אנקומען, עס-כל-זה, מחמת אהבת ישראל (בעהט ער) – **'זייט מיר ממליך! איך וויל זיין אייער מלך!' עס איז דאך א זכות עולם!**

(הכנה לראש השנה באחד מהשנים)